קומינדיקער נומער 125 גרויס אַנדענק־העפט פון פרוי שענירער ע"ה

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

| | | | |
|---|---|---|---|
| צוועלפטער יאָרגאַנג | נומער 124 | ניסן תרצ"ה | ב"ה לאָדז־וואַרשע־קראָקע |

# דער וועג צום ציל

**ערשט** מיט אַ יאָר צוריק זענען געשאַפן געוואָרן די בנות־הכשרות, מ'האָט נאָך אַליין נישט געוואוסט וואָס אייגנטלעך עס וועלן געבן די הכשרות, און ס'האָבן נישט געפעלט קיין פּעסימיסטן צום גאַנצן ענין.

שטאַרק לטובה איז געוועזן די שטימונג, וואָס איז אין אונדזערע הכשרות איינגעפירט געוואָרן. ס'זענען נישט געגעבן געוואָרן קיין שום הבטחות אויף סערטיפיקאַטן. אדרבא, מ'האָט ביי די חברות כסדר אָפּגעשוואַכט דעם שטאַרקן באַגער שוין עולה צו זיין. עלי' איז טאַקי געוועזן דער ציל, אָבער אַ ווייטער ציל, וואָס וועט אַזוי גיך נישט געשען. הכשרה־לעבן איז געוואָרן געפלעגט אַלס ציל פאַר זיך. אַרבעט, לערנען, זעלבסט־דערציאונג, זיך פאַרבעסערן אין מדות — דאָס אַלץ גיט די הכשרה אין אַזאַ מאָס, אַז אונדזער הכשרה איז נישט קיין "אָפּקומעניש" נאָר להיפך, אַ היים פאַר די הכשריסטנס, אַ חינוך־היים, וואו די הכשריסטנס לעבן בשמחה און אין אַ גליקלעכער אַטמאָספער. די הכשרה וועט פאַר זיי זיין אַ שול אויפן גאַנצן לעבן אַרויס.

אַ הויך דער הכשרה האָט אָבער די בנות־פירערשאַפט געטון אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפט, כדי צו דערנענטערן די בנות־עלי'. אין שריפט און אין וואָרט איז קעגיק געוואָרן געפאָדערט די רעכט פון "בנות". צענדליקער אינטערווענצן זענען אונטע גענומען געוואָרן, און ענדלעך האָבן שוין די ערשטע בנות־גרופּעס עולה געווען, וואָס דאָס קענען מיר פאַרצייכענען אַלס גרויסן נצחון.

זאָל מיר אָבער דערלויבט זיין צו זאָגן אויפריכטיק, אַז מע דאַרף נישט אַריינפאַלן אין קיין התפעלות, און די עלי' פון די פאַר צענדליק חברות טאָר נישט אַרויסרופן קיין פרישן פּאַניקאַ, און נישט פירן צו קיין פאַלשע חשבונות.

אויב ביי יעדן שעדיול וועט זיין אַזאַ צאָל ווי ביים לעצטן שעדיול — אַלס אויסנאַם — זעלבסטשטענדיקע פרויען־סערטיפיקאַטן קענען ביים בעסטן פאַל זיין אַ פאַר־צענדליק במשך אַ גאַנץ יאָר. מיר טאָרן דעריבער די צאָל הכשריסטנס מיט קיין סך ווייטער נישט פאַרגרעסערן. די וואָס פאָרן אויף הכשרה דאַרפן ווייטער זיין גרייט אויף אַלים. עס קען געדויערן יאָרן ביז זיי וועלן קענען עולה זיין.

אין די הכשרות טאָרן אויך אין קיין פאַל נישט אַריינגעצויגן ווערן חברות פון איין שטאָט. פּראָפּאָרציאָנעל צו די צאָל הכשריסטנס מוז דערהאַלטן ווערן די פּראָפּאָרץ פון די צאָל אָרגאַניזאַציעס. עס איז גלייכער דער ערשטער רוגז ביים אָננעמען אויף הכשרה, איידער שפּעטער צו האָבן צו טון מיט טענות פון ענטוישונג...

אונדזער דרינגענדסטע אויפגאַבע אַצינד, איז דאָס שאַפן שטאַרקע בנות־אָרגאַניזאַציעס אין ארץ־ישראל, און באַזונדער דאָס שאַפן בנות־קיבוצים אין די וויכטיקסטע צענטרן פון יידישן ישוב. ליידער איז אין א"י נישט פאַראַן די געהעריקע סביבה פאַר אונדזערע חברות. ביז היינט זענען בלויז אין ירושלים און תל־אביב פאַראַן בנות־אָרגאַניזאַציעס און אויך זיי זענען נישט ווי געהעריק אָרגאַניזירט.

די קרן־הישוב־צענטראַלע נעמט אונטער באַלד נאָך פּסח אַ גרעסערע זאַמל־אַקציע ספּעציעל צווישן יידישע פרויען כדי צו שאַפן בנות[illegible] אין ארץ־ישראל. עס וועט דע[illegible] יבער זיין אונדזער אויפגאַבע צו וואַרפן זיך מיטן גאַנצן ברען אין דער דאָזיקער אַקציע. אין דער הצלחה פון דער דאָזי[illegible]זאַמל־קאַמפּאַניע איז אַלץ אָפּהענגיק אויף להבא.

בכלל דאַרף אונדזערע חברות וויסן, אַז אַן התחייבות קען נישט זיין רעכט. אָן דערפילן די אויפגאַבן קען מען גאָרנישט דערגרייכן. אויך מוז פאַר אַלץ זיין סבלנות און אויסדויער. ליידער זענען אַ גאַנץ סך זיך מתרשל אינים דערפילן זייערע פליכטן אין די דאָזיקע פאַרגעסן, אַז דאָס איז זיך נוקם אין זיי אַליין. אונדזער באַוועגונג מוז באַלעבט ווערן מיטן אמתן אידעאַליזם, דער עגאָאיזם מוז אויסגעוואָרצלט ווערן און דאַן קענען מיר האָפן בע"ה צו קומען צום ציל. —

* *

